**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט MTA צו אינסטאלירן סעקיורישי קאמערעס אין יעדע ניו יארק סיטי סאבוועי קאַר**

***נייע פינאנצירונג איז מוסיף צו עקזיסטירנדע קאמערעס אין באן קאַרס און סטאנציעס***

***נאך אינסטאלאציע פון קאמערעס וועט רעזולטאט אין גאנצע סאבוועי פלאט אויסגעשטאט מיט צוויי קאמערעס אין יעדן טרעין קאַר***

***לעצטע מאסנאם דורך גאווערנער האוקול אפצוהאלטן פארברעכנס און שטערקער מאכן סאבוועי זיכערהייט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז דער מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט ניו יארק סיטי טראנזיט האט באקומען א 2 מיליאן דאלערדיגע אויסטיילונג, דורך דעם אינער-שטאטישע סעקיוריטי איניציאטיוו פעדעראלע גרענט פראגראם, וואס וועט צושטעלן פינאנצירונג פאר דאס אינסטאלירן קאמערעס לענגאויס דעם גאנצן פלאט פון סאבוועי קאַרס, פארשטערקערנדיג סעקיוריטי דעקונג, און, דאס וויכטיגסטע, העכערן פאסאזשיר קאנפידענץ אין מאסן טראנזיט זיכערהייט. דער אינער-שטאטישע סעקיוריטי איניציאטיוו איז א פראגראם אונטער דעם יו-עס דעפארטמענט פון היימלאנד סעקיוריטי גרייטקייט גרענטס. די פינאנצירונג וועט ערמעגליכן דאס איינקויפן 5,400 קאמערעס צו ווערן אינסטאלירט אויף 2,700 ניו יארק סיטי טראנזיט סאבוועי קאַרס, צוויי פער קאַר. אין צוגאב, וועט דעם פראגראם פינאנצירן אומגעפער 3,800 קאמערעס פארברייטערנדיג דעקונג אין אומגעפער 130 סאבוועי סטאנציעס.

״מיין נומער איינס פריאריטעט אלס גאווערנער איז האלטן ניו יארקער אפגעהיטן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך בין שטאלץ אז מיר וועלן אינסטאלירן קאמערעס אויף אלע סאבוועי קאַרס — פארברייטערנדיג אונזערע זיכערהייט פעאיגקייטן, אפהאלטן פארברעכנס, און צושטעלן שטיצע פאר אונזערע געזעץ אינפארסירער . אזוי ווי מיר טוען ווייטער אויפנעמען אויף צוריק פארער אויפ׳ן טראנזיט סיסטעם וועלן מיר ווייטער טון אלץ וואס מעגליך צו האלטן פארער אפגעהיטן.״

די פינאנצירונג וועט ווייטער פארשטערקערן NYC טראנזיט׳ס עקזיסטירנדע סעקיוריטי נעץ פון איבער 10,000 קאמערעס לענגאויס אלע 472 סאבוועי סטאנציעס. די נייע פינאנצירונג דעקט די קאסטן פון קאמערע אינסטאלאציע אויף 6,355 קאַרס, וואס וועט ערמעגליכן פאר׳ן MTA אויף פולשטענדיג אויסשטאטען יעדן סאבוועי קאַר מיט קאמערעס — צוגעבנדיג צו אן עקזיסטירנדע קאמערע פראווו פראגראם וואס אנטהאלט 200 קאמערעס אין 100 סאבוועי קאַרס. אין צוגאב וועט פינאנצירונג פון דעם סאבוועי אקציע פלאן אין סה״כ פון 3.5 מיליאן דאלער ערמעגליכן דאס איינקויפן 7,310 קאמערעס אויף 3,655 קאַרס, צוויי פער קאַר. דער סה״כ פינאנצירונג צו פארטיגן די אינסטאלאציעס איז אייניג מיט 5.5 מיליאן דאלער. ווען אינסטאלאציע הייבט זיך אן וועלן נאך 200 טרעין קאַרס פער חודש האבן קאמערעס

אינסטאלירט ביז דער גאנצער סאבוועי קאַר פלאט איז אויסגעשטאט מיט קאמערעס, וואס איז ערווארטעט פארצוקומען אין 2025. אין צוגאב, ווען נייע 211R סאבוועי קאַרס ווערן געליפערט אנגעהויבן אין אנהייב 2023 וועלן זיי שוין פון פריער זיין אויסגעריכטעט מיט קאמערעס.

דאס איז דער לעצטער מאסנאם וואס גאווערנער האוקול האט גענומען אויף אפצוהאלטן פארברעכנס און פארשטערקערן די זיכערהייט פון ניו יארק סיטי סאבוועיס. אין יוני האט גאווערנער האוקול אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו באשיצן נאך אומגעפער 11,000 טראנזיט ארבעטער קעגן אנגרייפן און באפאלערישקייט. די לעגיסלאציע וועט אויסציען קרימינאלע אנקלאגעס צו פערשוינען וועלכע באפאלן סטאנציע קאסטומער באהעלפער, טיקעט אדער איינקונפט איינקאסירער, מעינטענענס ארבעטער, פארריכטער, רייניגער, און זייערע סופערווייזערס, וועלכע זענען נישט געווען באשיצט אונטער פריערדיגע געזעצן.

**MTA פארזיצער און CEO דזשענא ליעבער האט געזאגט,** ״ווי איך האב שוין פיל מאל פריער געזאגט, די וועלכע באגיין פארברעכנס אין דעם טראנזיט סיסטעם וועלן אידענטיפיצירט ווערן און געברענגט ווערן צו יוסטיץ. פארער זאלן וויסן אז מיר שטייען הינטער זיי אויף זייער גאנצע רייזע און דער באדייטנדער אפגרעיד — ערמעגליכט דורך נייע געלטער פון גאווערנער האוקול — איז א גרויסע טריט אויף צו פארשטערקערן די קאנפידענץ פון ניו יארקער אין מאסן טראנזיט זיכערהייט.״

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** ״פובליק זיכערערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט און די נייע זיכערערהייט אונטערנעמונג וועט ווייטער ארבעטן אויף צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער קענען אנקומען דארט וואו זיי דארפן גיין זיכערערהייט. פובליק טראנספארטאציע איז דער רוקנביין פון ניו יארק סיטי, און ווען פארער שפירן זיך אפגעהיטן, דאן ווערט אויפגעראכטן דעם גאנצן סיסטעם. איך קוק איך ארויס אויף די זיכערע און פאזיטיווע ענדערונגען וואס דער נייער פראגראם וועט ברענגען, ווי איך ווייטער צוזאמארבעטן מיט גאווערנער האוקול צו האלטן אונזערע סאבוועיס אפגעהיטן פאר אלע פארער.״

**NYPD קאמיסיאנערין קיטשענט על. סאוועל האט געזאגט,** ״דער NYPD וועט קיינמאל נישט נאכגעבן קיין משהו אין איר אנגייענדע ארבעט צו פארזיכערן די אפגעהיטנקייט און זיכערהייט פון די מיליאנען פארער וועלכע פארלאזן זיך אויף אונז יעדן טאג לענגאויס דעם לאנד׳ס גרעסטן סאבוועי סיסטעם. דאס איז אונזער עיקר׳דיגע צוזאג אזוי ווי מיר בלייבן איבערגעגעבן אפצוהאלטן פארברעכנס, טעראריזם און אומארדענונג. דער NYPD ניצט שוין עקזיסטירנדע MTA קאמערעס מיט גרויס ערפאלג אויף צו לייזן פארברעכנס. איצט, מיט׳ן אויפשטייג אינעם צאל פארער און אלגעמיינע ערנסטע פארברעכנס אין דעם טראנזיט סיסטעם צוריק אראפ אונטער בעפאר-פאנדעמיע שטאפלען — א תוצאה פון דעם NYPD׳ס געהעכערטע, קאנצענטרירטע ארויסשטעלונג אין סטאנציעס און אויף באנען — וועט דאס אינסטאלירן נאך MTA קאמערעס דעקנדיג דעם גאנצן פלאט פון סאבוועי קאַרס פירן אויף ווייטער אונזערע אויספארשונג פעאיגקייטן און פארשטערקערן אונזער מעגליכקייט צו פארזארגן ווירקזאמע, פונקציאנירנדע פובליק זיכערהייט סיי אונטער און סיי העכער דער ערד.״

**ניו יארק סיטי טראנזיט פרעזידענט ריטשערד דעיווי האט געזאגט,** ״עס איז איבערצייגט געווארן שוין איינמאל און נאכאמאל אז קאמערעס אין דעם טראנזיט סיסטעם העלפן קעמפן פארברעכנס לענגאויס דער שטאט, נישט בלויז אויפ׳ן סאבוועי. פארברייטערן דעם קאמערע נעץ וועט אפשטעלן די וועלכע זענען אנטשלאסן צו באגיין א פארברעך פון אריינקומען אין דעם טראנזיט סיסטעם.״

**MTA הויפט זיכערהייט און סעקיוריטי באאמטער פעטריק ווארען האט געזאגט,** ״קאמערעס זענען גאר א ווירקזאמע מיטל אין לייזן אויספארשונגען און אין אפשטעלן פארברעכנס. פובליק און ארבעטער זיכערהייט און אפגעהיטנקייט זענען פריאריטעטן ביים MTA און מיר ארבעטן כסדר צו איינפירן און

פארבעסערן מאסנאמען וואס שטיצן די פריאריטעטן. דער גרענט איז א וויכטיגע טריט פאראויס צו שטיצן אונזער זיכערהייט און סעקיוריטי באמיאונגען.״

אלע מעטראָ-נאָרט באנען זענען אויסגעשטאט מיט קעמערעס, און איבער 90 פראצענט פון לאנג איילענד רעיל-ראוד באנען זענען אויסגעריכטעט מיט סעקיוריטי קאמערעס. פאריגעס יאר, איז קאמערע אינסטאלאציע לענגאויס יעדע סאבוועי סטאנציע צוגעיאגט און געפארטיגט געווארן בעפאר׳ן סקעדזשול. צוויי טויזנט קאמערעס זענען אינסטאלירט געווארן אין 2021 אליין.

דער MTA איז אנטשלאסן צוזושטעלן זיכערע און פארלעסליכע פובליק טראנזיט און דער אינער-שטאטישע סעקיורטי איניציאטיוו אויסטיילונג צייכנט אפ דעם לעצטן טריט פאראויס אין דער אויטאריטעט׳ס אויפגאבע צו זיין א פולקאם-באאבאכטעטע טראנזיט סיסטעם דורך בעסער אפהאלטן פארברעכנס און העכערן פאסאזשיר זיכערהייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418